# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ד - גליון קמב**

**פרשת צו**

בענין

**קושית המהר"י קורקוס על מה שכתב הרמב"ם שאם הביא קרבן תודה ערב פסח יוצא בה ידי חובת שמחה**

**וּבְשַׂר זֶבַח תּוֹדַת שְׁלָמָיו בְּיוֹם קָרְבָּנוֹ יֵאָכֵל לֹא יַנִּיחַ מִמֶּנּוּ עַד בֹּקֶר:** (ויקרא ז, טו)

## דברי הרמב"ם - גמרא מסכת ביצה

די **רמב"ם** שרייבט אין הלכות חגיגה (פרק ב, הלכה יג): **לא יביא אדם תודה ביום ארבעה עשר, מפני החמץ שבה, שאין מביאים קדשים לבית הפסול. ואם הביא, יוצא בה ידי חובת שמחה** - פירוש: א מענטש זאל נישט ברענגען קיין קרבן תודה י"ד ניסן, דהיינו ערב פסח, וויבאלד יעדער קרבן תודה איז געקומען מיט צעהן חלות וואס איז געוועהן חמץ [בנוסף צו דער דרייסיג וואס איז געוועהן געמאכט פון מצה], און דער חלות מעג מען נאר עסן ביז סוף זמן היתר אכילת חמץ. און עס איז דאך דא א הלכה אז 'אין מביאין קדשים לבית הפסול', דהיינו, מען טאר נישט ממעט זיין די זמן פון אכילת קדשים, און דורך וואס מען איז מקריב א קרבן תודה ערב פסח, קומט אויס אז מען איז ממעט די זמן פון די אכילת קדשים פון די צעהן חלות, ווייל מען מעג עס עסן נאר ביז סוף זמן אכילת חמץ. לייגט אבער די רמב"ם צו: אז אויב איינער האט עובר געוועהן אויף דער הלכה און ער האט יא מקריב געוועהן א קרבן תודה ערב פסח, קען ער יוצא זיין מיט די אכילת בשר הקרבן תודה די מצוה פון 'חובת שמחה', דהיינו - עס איז דא א חיוב שמחה אין יום טוב, און די וועג ווי אזוי מען יוצא די חובת שמחה, איז דורך וואס מען עסט 'בשר קרבן בתוך הרגל'. זאגט די רמב"ם, אז דער בשר הקרבן מיז נישט זיין דוקא א קרבן וואס האט צו טוהן מיט יום טוב, נאר מען קען יוצא זיין אפילו מיט א קרבן וואס האט גארנישט מיט יום טוב, אזוי ווי דא ביי די קרבן תודה וואס האט גארנישט מיט די יום טוב, קען מען אבער יוצא זיין חובת שמחה, דורך וואס מען עסט די בשר הקרבן בתוך הרגל.

די מקור פון דער פסק פון דער רמב"ם איז בעצם א גמרא אין **מסכת ביצה** (יט, ב) ווי עס שטייט אזוי: **תניא אין מביאין תודה בחג המצות מפני חמץ שבה, ולא בעצרת מפני שהוא יום טוב, אבל מביא אדם תודתו בחג הסוכות** - פירוש: מען טאר נישט ברענגען א קרבן תודה אין פסח, ווייל א חלק פון די קרבן תודה איז די צעהן לחם וואס איז חמץ. און מען טאר נישט ברענגען א קרבן תודה אין יום טוב שבועות, און די טעם איז ווייל די הלכה איז אז 'נדרים ונדבות אין קריבין ביום טוב' און א קרבן תודה איז א קרבן נדר ונדבה, אבער יום טוב סוכות, דהיינו חול המועד סוכות מעג מען ברענגען א קרבן תודה. זאגט די ברייתא ווייטער: **רבי אלעזר ברבי שמעון אומר: מביא אדם תודתו בחג הסוכות, ויוצא בה ידי חובתו משום שמחה** - פירוש, א מענטש וואס ברענגט א קרבן תודה חול המועד סוכות, איז יוצא מיט דעם דער חיוב פון 'שלמי שמחה', און ער דארף נישט ברענגען נאך א קרבן פאר שלמי שמחה. קומט די גמרא דארט און פרעגט אויף דער ברייתא: **אמר מר, אין מביאין תודה בחג המצות מפני חמץ שבה. פשיטא?** - דהיינו, וואס איז די חידוש פון די ברייתא, דעס איז דאך א דבר פשוט אז מען טאר נישט ברענגען קיין לחמי תודה אין פסח, איז פארוואס דארף אינז די ברייתא לאזן הערן דער דין? ענטפערט די גמרא: **אמר רב אדא בריה דרב יצחק, ואמרי לה רב שמואל בר אבא, הכא בארבעה עשר עסקינן, וקסבר אין מביאין קדשים לבית הפסול** - פירוש: די ברייתא רעדט נישט פון חול המועד פסח, נאר די ברייתא רעדט פון ערב פסח, און די חידוש איז אז אפילו ערב פסח וואס מען מעג נאך עסן חמץ מעג מען אויך נישט ברענגען

קיין קרבן תודה, ווייל עס גייט זיין וויניג צייט צו עסן די לחמי תודה, ווייל מען מעג עס נאר עסן ביז סוף זמן אכילת חמץ, און די ברייתא האלט אז 'אין מביאין קדשים לבית הפסול'. עד כאן סוגית הגמרא במסכת ביצה.

איז די רמב"ם האט געבויעט זיין הלכה פון דער גמרא. דעס וואס די רמב"ם שרייבט: "**לא יביא אדם תודה ביום ארבעה עשר, מפני החמץ שבה, שאין מביאים קדשים לבית הפסול**", קומט פון דער תירוץ פון רבא אדא בריה דרב יצחק. און דעס וואס די רמב"ם שרייבט: "**ואם הביא, יוצא בה ידי חובת שמחה**" קומט פון דעם וואס רבי אלעזר ברבי שמעון זאגט אין די ברייתא, 'מביא אדם תודתו בחג הסוכות, ויוצא בה ידי חובתו משום שמחה'.

## קושית המהר"י קורקוס על הרמב"ם

די **מפרשי הרמב"ם** ברענגען אראפ זייער א שטארקע קשיא וואס די **מהר"י קורקוס** האט געפרעגט אויף דער רמב"ם. וזה לשון המהר"י קורקוס: **וקשיא לי עלה, דהא תודה אינה נאכלת אלא ליום ולילה, ואם כן תודה זו ששחטה ערב פסח איך יוצא בה ידי שמחה, הא אפסילא לה בלינה. ובשלמא בברייתא לא קשה מידי, דלא על ששחטה בערב פסח קאי אלא על כל תודה קאמר, ובשחטה במועד, אבל רבינו כתב 'ואם הביא' ומשמע שעל מה שכתב 'לא יביא תודה ביום י"ד' קאי, 'ואם הביא יוצא בה חובה שמחה' והא אפסילה לה?** - פירוש: דער מהר"י קורקוס פרעגט א אייזערנע קשיא אויף די רמב"ם, ווי אזוי קען די רמב"ם שרייבן אז אויב איינער ברענגט א קרבן תודה ערב פסח, קען ער יוצא זיין מיט דעם אויך דער חיוב פון שלמי שמחה, וואס מען דארף ברעגן יום טוב פסח. דא אין די פסוק שטייט דאך קלאר אז א תודה קען מען עסן נאר "**בְּיוֹם קָרְבָּנוֹ יֵאָכֵל לֹא יַנִּיחַ מִמֶּנּוּ עַד בֹּקֶר**", דהיינו, יום ולילה - וואס דעס איז די גאנצע טאג פון שחיטת התודה, דהיינו ערב פסח, ולילה, און די ערשטע נאכט יום טוב, און גלייך צופרי ווערט עס שוין נותר, און מען מעג עס שוין נישט עסן. און אויב אזוי ווען עס קומט יום טוב אינדערפרי איז די קרבן תודה שוין נותר, איז ווי אזוי קען מען 'במציאות' יוצא זיין מיט דער קרבן תודה די מצוה פון שלמי שמחה. קומט די מהר"י קורקוס און ער איז מוסיף: **ויש לומר דיוצא ידי שמחת הלילה קאמר** - פירוש: אין הכי נמי, יום טוב פסח אינדערפרי וועט מען שוין נישט קענען יוצא זיין מיט דער קרבן תודה אויך דער חיוב פון שלמי שמחה, אבער על כל פנים די ערשטע נאכט יום טוב, וועט מען קענען יוצא זיין מיט דער קרבן תודה די חיוב פון שלמי שמחה. זאגט אבער דער מהר"י קורקוס: **וקשה על זה, שהרי לא מצינו שיהא חייב בשמחה בלילה הראשונה** - פירוש: מען קען נישט זאגן דער מהלך, ווייל עס איז נישט אמת, ווייל די הלכה איז דאך אז די ערשטע נאכט איז בכלל נישט דא דער חיוב פון שמחה, און דער חיוב הייבט זיך אן נאר יום טוב אינדערפרי (והמהר"י קורקוס מביא כמה ראיות לדבר, שאין חיוב שמחה בלילה ראשונה, וכתב שכן מבואר מפורש מגמרא פסחים דף עא, א. עיי"ש). און אויב אזוי איז הדרא קשיא לדוכתא, וואס שרייבט די רמב"ם אז 'ואם הביא יוצא בה ידי חובת שמחה'.

## תירוצו של המהר"י קורקוס

און די ספר **מהר"י קורקוס** וואס אינז האבן, בלייבט דער מהר"י קורקוס מיט א קשיא אויף די רמב"ם, אבער דער **כסף משנה** ברענגט אראפ א תירוץ וואס ער האט געזעהן וואס די מהר"י קורקוס שרייבט אויף דער קשיא, וזה לשונו: **הקשה הר"י קורקוס ז"ל דהא תודה אינה נאכלת אלא ליום ולילה, ואם כן תודה זו ששחטה ערב פסח איך יוצא בה ידי שמחה, הא איפסילא בלינה, ואין לומר דיוצא ידי שמחת לילה קאמר, שלא מצינו שיהא חייב בשמחה בלילה הראשון, שאם כן יהא חייב לשחוט שלמי שמחה בערב הרגל לשמוח ברגל? והאריך "ובסוף העלה, דלאו אשחטה בערב פסח קאי, אלא אם הביא במועד קאמר, כי בכלל מה שכתב לא בערב יום טוב, כל שכן במועד, והכי קאמר, ואם הביא בזמן שחייב בשמחה, יוצא ידי חובת שמחה"** - פירוש: דער מהר"י קורקוס איז מחדש א גרויסע חידוש, אז דעס וואס די רמב"ם שרייבט 'ואם הביא, יוצא בה ידי חובת שמחה', גייט נישט ארויף ווען איינער ברענגט א קרבן תודה ערב פסח, ווייל דעמאלטס גייט מען טאקע נישט קענען יוצא זיין מיט דעם די מצוה פון שמחה, נאר די רמב"ם גייט ארויף ווען איינער גייט ברענגען א קרבן תודה אין פסח [וואס להלכה בעצם מעג ער נישט, ווייל עס איז דאך דא די צעהן חלות של חמץ], איז אויף אזא אופן וועט ער יוצא זיין מיט דעם די מצוה פון שמחה. און אפילו די רמב"ם רעדט בכלל נישט אין דער הלכה פון 'יום טוב עצמו', נאר ער רעדט פון 'ערב פסח', אפילו אזוי האט ער כולל געווען אין דעם וואס ער האט געשריבן 'ערב יום טוב', אויך די דין ווען איינער גייט ברענגען א קרבן תודה אין חול המועד פסח.

## דברי הפרי מגדים על תירוצו של המהר"י קורקוס – ושיטת הקרן אורה

דער **פרי מגדים**, אין זיין ספר **ראש יוסף** אויף מסכת ביצה ברענגט אראפ דער תירוץ פון די מהר"י קורקוס, און ווי ער שרייבט: **כתב הרמב"ם ז"ל בהלכות חגיגה פרק ב הלכה יג, אין**

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com

**מביא תודה בערב פסח, ואם הביא יוצא ידי שמחה. עיין כסף משנה בשם הר"י קורקוס ז"ל דהכי קאמר, אם הביא בפסח יוצא ידי שמחה.** קומט די פרי מגדים און שרייבט אויף דער תירוץ: **"ולפי זה אף שהלחם פסול דהא עשרה של חמץ אי אפשר לאכול אפילו הכי כשרה התודה וחידוש הוא בעיני"** - פירוש: די פרי מגדים איז מבאר, אז עס קומט אויס א גרויסע חידוש פון דער תירוץ פון די ר"י קורקוס, און ווי די פרי מגדים שרייבט 'וחידוש הוא בעיני', דהיינו לפי דער מהר"י קורקוס קומט אויס, אז די קרבן תודה איז כשר אפילו אויף א אופן וואס מען ווייסט לכתחילה אז די לחם וואס מען דארף ברענגן מיט די קרבן תודה איז פסול, אזוי ווי דא, ווען איינער איז מקריב א קרבן תודה אין פסח, מעג ער דאך נישט ברענגען די לחמי תודה של חמץ, און אפילו אזוי איז די קרבן תודה כשר.

און די אמת איז אז מען טרעפט שוין אזא דין, אז א תודה איז כשר אפילו אן די לחם, און אזוי ווי די **קרן אורה** שרייבט אין **מסכת מנחות** (מו, א): **אפילו עבר ושחט תודה בלא לחם לא מיפסיל וזורק הדם, דאשכחן תודה באה בלא לחם כגון תמורה וחליפין, כדאיתא לקמן פרק התודה** (שם במנחות, דף עט, ב) - פירוש: שטייט אין משנה אין מסכת מנחות: **ולד תודה** - א מענטש וואס האט מקדיש געווען א קרבן תודה, און די בהמה האט געבוירן א קינד, **ותמורתה** - א 'תמורת תודה', דהיינו א מענטש האט געזאגט אויף א קרבן תודה, זו תחת זו, דהיינו ער האט גענומען א בהמה של חולין און ער האט געזאגט אז די קדושה פון די קרבן תודה זאל אריבער גיין צו די בהמה של חולין, איז די הלכה, אז די קרבן תודה בלייבט הייליג, און די תמורת תודה ווערט קדוש בקדושת תודה, **הפריש תודה ואבדה, והפריש אחרת תחתיה**- דהיינו, א מענטש האט מפריש געווען א קרבן תודה וואס ער איז געווען מחויב צו ברענגען, און עס האט זיך פארלוירן, איז ער געגאנגען און מפריש געווען א נייע קרבן תודה און דעם מקריב געווען אויפן מזבח, און נאך דעם האט ער געטראפן די ערשטע קרבן תודה - איז ביי דעי אלע זאכן: **אינה טעונה לחם** - דהיינו מען איז מקריב די קרבן תודה אן קיין לחם. איז פון דעם איז די קרן אורה מחדש, אז 'עבר ושחט תודה בלא לחם לא מיפסיל', דהיינו אויב איינער איז מקריב א קרבן תודה אן קיין לחם, איז די קרבן תודה כשר. און דער שיטה פון די קרן אורה שטומט זייער גוט מיט דער חידוש פון די מהר"י קורקוס, אז בעצם האט די רמב"ם אויך אזוי געהאלטן אז די לחם איז נישט מעכב די קרבן תודה, און עס פסל'ט נישט די קרבן, ווייל די רמב"ם שרייבט דאך דא (לפי שיטת הר"י קורקוס) אז מען איז יוצא די חיוב פון שמחה מיט די קרבן תודה וואס מען האט מקריב געווען אן די צעהן לחם וואס איז חמץ. ודו"ק.

## תירוצו של הלחם משנה

דער **לחם משנה** ברעגנט אראפ דער קושיא פון די ר"י קורקוס, און ווי ער שרייבט: **קושית הר"י קורקוס ז"ל היא קושיא עצומה, דכיון דאין תודה נאכלת אלא ליום ולילה אחד, אם כן היאך יוצא ידי שלמי שמחה הא איפסילא בלינה, ולומר שיצא בלילה הראשון מידי שמחה, זה אי אפשר דבהדיא אמרו שם בברייתא להוציא לילי יום טוב ראשון מן השמחה.** קומט דער לחם משנה און איז מחדש א גרויסער חידוש, און מיט דעם פארענטפערט ער דער 'קושיא עצומה' אויף דעם רמב"ם, וזה לשונו: **לכן נראה לי לתרץ על צד הדוחק בעד רבינו ז"ל, דשם בגמרא הקשה רב יוסף לעולא דאמר בעינן זביחה בשעת שמחה מברייתא דחגיגת י"ד יוצא בה משום שמחה, ותירץ רב אידי שעיכב ושחטה ואמר שם רב אשי הכי נמי מסתברא דאי לא תימא הכי, הא מתניתא מאן קתני לה - בן תימא, בן תימא הא פסלה בלינה, שמע מינה. והוקשה לרבינו ז"ל, רב יוסף היכי הוה סליק אדעתיה ששחטה בי"ד הא איפסילה לה בלינה, וכמו שהקשה רב אשי, אלא ודאי שהיה סבור דכיון דהוא מלינו כדי לצאת בו ידי שמחה, הא לא חשיב לינה לאסור, דלא אסרה תורה לינה אלא לינה שלא לצורך מצוה, אבל לצורך מצוה אחרת לאו לינה היא. זה טעמו של רב יוסף, וכיון דאנן קיימא לן דלא בעינן זביחה בשעת שמחה כדסבר רב יוסף, נקטינן ברייתא כפשטה, וכמו שפירשה רב יוסף, ולא פסלינן לינה שהיא לצורך מצוה, לכך פסק רבינו ז"ל גבי תודה דאינה נאכל אלא ליום ולילה, דאף על גב דהלינה לצורך שלמי שמחה אין בכך כלום** - פירוש: אין **גמרא מסכת פסחים** (עא, א) שטייט: **אמר עולא אמר רבי אלעזר, שלמים ששחטן מערב יום טוב אינו יוצא בהן לא משום שמחה ולא משום חגיגה** - פירוש: איינער וואס שחט א קרבן שלמים ערב יום טוב, קען ער נישט יוצא זיין מיט דער פלייש דער חיוב פון 'שלמי שמחה', אדער 'שלמי חגיגה', און עולא איז מסביר זיין טעם: **דכתיב** (דברים כז, ז) **וְזָבַחְתָּ שְׁלָמִים וְאָכַלְתָּ שָּׁם וְשָׂמַחְתָּ - בעינן זביחה בשעת שמחה וליכא** - פירוש: דער שחיטת שלמי שמחה, מיז דוקא זיין אין יום טוב ווען עס איז א זמן שמחה, און מען קען נישט יוצא זיין מיט א שלמים וואס מען האט גע'שחט'ן ערב יום טוב. קומט די גמרא און ברעגנט א קשיא וואס רב יוסף האט געפרעגט אויף עולא: **מתיב רב יוסף, מען האט געלערנט אין א ברייתא, חגיגת ארבעה עשר יוצא בה משום שמחה, ואין יוצא בה משום חגיגה** - פירוש: די הלכה איז געווען אז בשעת מען האט גע'שחט'ן די קרבן פסח האט מען אויך מקריב געווען א 'חגיגת י"ד', און ווען איינער עסט פון די חגיגת י"ד יום טוב פסח אינדערפרי איז ער יוצא מיט דעם אויך די מצוה פון שלמי שמחה. פרעגט רב יוסף: **אמאי? הא בעינן 'זביחה בשעת שמחה' וליכא'** - פירוש: לויט עולא אז עס מיז זיין 'זביחה בשעת

שמחה', ווי אזוי קען מען יוצא זיין מיט דער חגיגת י"ד די מצוה פון שלמי שמחה, דער חגיגת י"ד האט מען דאך גע'שחט'ן ערב יום טוב? ענטפערט די גמרא: **אמר רב אידי בר אבין, שעיכב ושחטה** - פירוש: דער ברייתא וואס שטייט אז 'חגיגת ארבעה עשר יוצא בה משום שמחה', רעדט מען פון א פאל, וואס א מענטש האט טאקע אנגעגרייט א חגיגה צו שחט'ן ערב פסח, אבער למעשה הער ער זיך 'מעכב' געווען און נישט גע'שחט'ן דער חגיגה ערב פסח, קומט די ברייתא לאזן הערן אז ער קען שחט'ן דער חגיגת י"ד אין יום טוב פסח, און ער איז יוצא מיט דער 'חגיגת י"ד' דער חיוב פון שלמי שמחה. איז לפי זה קומט אויס אז עס איז געווען 'זביחה בשעת שמחה'.

זאגט דא גמרא: **אמר רב אשי, הכי נמי מסתברא** - דהיינו, עס איז אזוי מסתבר אזוי צו מבאר זיין דער ברייתא, אז מען האט זיך מעכב געווען און נאר גע'שחט'ן די חגיגת י"ד אין יום טוב, **דאי לא תימא הכי, הא מתניתא מאן קתני לה? בן תימא! בן תימא הא פסלה לה בלינה** - פירוש: עס איז דא א גרויסע מחלוקת אין **מסכת פסחים** (דף ע, א) ווי לאנג מען קען עסן די קרבן חגיגת י"ד, די משנה זאגט דארט'ן אז מען קען עסן דער חגיגת י"ד אזוי ווי יעדער שלמים דהיינו שני ימים ולילה אחד, אבער בן תימא האלט אז דער חגיגת י"ד האט מען נאר געקענט עסן 'יום ולילה'. זאגט רב אשי, אז דער ברייתא וואס רב יוסף ברענגט וואס שטייט 'חגיגת ארבעה עשר יוצא בה משום שמחה' איז א שטיקל פון א ברייתא וואס בן תימא זאגט (כמובאר בגמרא דף ע, א שם), און אויב מען גייט לערנען דער ברייתא כפשוטו, דהיינו אז מען האט גע'שחט'ן דער חגיגת י"ד ערב פסח, איז ווי אזוי זאגט בן תימא אז מען קען יוצא זיין מיט דעם דער מצוה פון שמחה אין יום טוב? בן תימא האלט דאך אז מען מעג נאר עסן דער חגיגת י"ד יום ולילה, און יום טוב אינדערפרי איז שוין דער קרבן נותר? אלא על כרחך מיז מען לערנען פשט אין די ברייתא אזוי ווי רב אידי בר אבין האט געזאגט אז דא רעדט מען אז 'עיכב ושחטה'. עד כאן סוגית הגמרא שם בפסחים.

זאגט דער לחם משנה אז לכאורה איז זייער שווער צו פארשטיין וואס 'רב יוסף' פרעגט אויף עולא פון דער ברייתא, דהיינו, וואס איז געווען בכלל די הו"א פון רב יוסף צו לערנען די ברייתא אז מען רעדט אז מען האט גע'שחט'ן די חגיגת י"ד ערב פסח, דער ברייתא איז דאך א חלק פון בן תימא'ס ווערטער, און ער זאגט דאך קלאר אז מען מעג נאר עסן די חגיגת י"ד נאר יום ולילה? וועגן דעם איז דער לחם משנה מחדש א גרויסע חידוש, אז רב יוסף האט געהאלטן אז אין הכי נמי נארמאל איז די צייט פון עסן די חגיגת י"ד נאר יום ולילה, אבער אויב די סיבה פארוואס מען עסט נישט דער חגיגת י"ד אין די זמן פון 'יום ולילה' איז נאר כדי אז מען זאל מקיים זיין מיט דעם יום טוב אינדערפרי דער חיוב פון 'שלמי שמחה', קומט דער 'מצוה פון שמחה' און מאכט אז די חגיגת י"ד זאל נישט ווערן נותר און אזוי ווי דער לחם משנה שרייבט "דלא אסרה תורה לינה אלא לינה שלא לצורך מצוה, אבל לצורך מצוה אחרת לאו לינה היא", און וועגן דעם האט רב יוסף געפרעגט פון דער ברייתא אויף עולא, אז אפילו לויט בן תימא וואס האלט אז דער זמן פון חגיגת י"ד איז נאר יום ולילה, אפילו אזוי דא וועט ער האלטן אז דער חגיגת י"ד ווערט נישט נותר, און אפילו אזוי קען מען יוצא זיין שלמי שמחה מיט דער חגיגה וואס איז געווארען גע'שחט'ן ערב פסח, דהיינו שלא בשעת שמחה. עד כאן ביאורו של הלחם משנה, צו מסביר זיין שיטת רב יוסף אין זיין קשיא אויף עולא.

איז לסיכום: איז דא צוויי וועגן צו מבאר זיין דער ווערטער פון בן תימא וואס זאגט: חגיגת ארבעה עשר יוצא בה משום שמחה. דרך א - די וועג פון רב יוסף, אז פון דער ברייתא זעהט מען אז עס איז נישט דא קיין חיוב פון 'זביחה בשעת שמחה', והא ראיה מען איז יוצא מיט דער חגיגה וואס מען שחט ערב פסח, דער חיוב פון שלמי שמחה - און אויב מען לערנט דער וועג, מיז מען על כרחך מחדש זיין, אז אפילו נארמאל איז די זמן פון חגיגת י"ד נאר יום ולילה, אבער אויב מען גייט מקיים זיין א מצוה מיט דעם וואס מען גייט לאזן דער חגיגת י"ד פאר יום טוב אינדערפרי, איז נישט דא די פראבלעם פון 'לינה', דהיינו נותר. דרך ב - די וועג פון עולא און רב אידי בר אבין, מיט די ווערטער פון רב אשי, אז מען רעדט דא פון חגיגת י"ד וואס מען האט מעכב געווען און גע'שחט'ן נאר אין יום טוב, ווייל זיי האלטן אז עס מיז זיין 'זביחה בשעת שחיטה'. און נאר אזוי קען שטומען די ווערטער פון בן תימא אין די ברייתא.

קומט דער לחם משנה און זאגט הפלא ופלא, דער רמב"ם אליין פסק'נט דאך (הלכות חגיגה פרק ב, הלכה יב - הלכה אחד קודם שכתב שיוצא בקרבן תודה מצוה שמחה): **אף על פי ששחטן קודם הרגל, הואיל ואוכל מהן ברגל יצא ידי חובתו, שאינו צריך לשחוט שלמי שמחה בשעת שמחה** - דהיינו, די רמב"ם פסק'נט להלכה דלא כעולא, און מען דארף נישט האבן 'זביחה בשעת שחיטה', און אויב אזוי קומט אויס אז פשט אין די ברייתא 'חגיגת ארבעה עשר יוצא בה משום שמחה', גייט אזוי ווי רב יוסף, און על כרחך מיט דער חידוש וואס מען האט מחדש געווען, אז אויב מען עסט נישט דער חגיגת י"ד וועגן מען וויל מקיים זיין מצוה איז מען נישט עובר אויף נותר.

איז לפי זה שטומט זייער גוט וואס די רמב"ם שרייבט א הלכה שפעטער: **"לא יביא אדם תודה ביום ארבעה עשר, מפני החמץ**

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com

**שבה, שאין מביאים קדשים לבית הפסול. ואם הביא, יוצא בה ידי חובת שמחה**", ווייל דער זעלבע חידוש וועט זיין אויך ביי א קרבן תודה, אז אפילו לעולם איז די זמן פון אכילת קרבן תודה, נאר יום ולילה, אבער אויב מען גייט מעכב זיין די אכילת קרבן תודה ווייל מען וויל מקיים זיין די מצוה פון שלמי שמחה, דעמאלטס איז נישט דא די איסור פון נותר, און וועגן דעם זאגט די רמב"ם "ואם הביא, יוצא בה ידי חובת שמחה". און דער לחם משנה איז מסיים אויף דער תירוץ: זה נראה לי להליץ בעד רבינו ז"ל!

## דברי המעשה רקח על תירוצו של הלחם משנה

דער **מעשה רקח** על הרמב"ם פון דער חכם הכולל **רבי מסעוד חי רקח זצ"ל** שרייבט אויף דער תירוץ פון דער לחם משנה: **ולפי עניות דעתי נראה אחרי המחילה הראויה, דהרי נביאות הן, דכיון דהתורה פסלה לינה בתודה, היה צריך שהכתוב עצמו יגלה באיזה רמז דלצורך מצוה שרי** - פירוש: דער מעשה רקח טענה'עט אויף דער לחם משנה, אז ער איז דא בעצם מחדש א ריזן חידוש, וואס זעהט אויס ווי דברי נביאות, ווייל אין די תורה שטייט דאך קלאר אז די זמן פון א קרבן תודה איז "בְּיוֹם קָרְבָּנוֹ יֵאָכֵל לֹא יַנִּיחַ מִמֶּנּוּ עַד בֹּקֶר", און אויב איז אמת דער חידוש פון דער לחם משנה, אז לצורך מצוה מעג מען יא עסן די קרבן תודה שפעטער, וואלט געמוזט זיין עפעס א מקור אויף דעם מן התורה, און עס איז זייער שווער צו מחדש זיין אזא גרויסע חידוש אן קיין מקור פון די תורה אויף דעם!

## קשיות הגאון רבי שמואל מאיר הכהן האלענדער ז"ל המובא בשו"ת בדובב מישרים

דער גאון און שר התורה דער **טשעבינער רב זצ"ל** און זיין ספר **שו"ת דובב מישרים** (חלק ב, סימן לד, אות ב) ברענגט אראפ א שטארקע קשיא וואס א הגאון החסיד **רבי שמואל מאיר הכהן האלענדער ז"ל** האט אים געפרעגט אויף דער תירוץ פון די לחם משנה, וזה לשונו: **וע"ד קושיתו על הלחם משנה בפרק ב מהלכות חגיגה שכתב אהא דפסק הרמב"ם שם הלכה יג, דאם הביא תודה בערב פסח דיוצא בה ידי חובת שמחה, והקשה הר"י קורקוס הלא התודה אינה נאכלת אלא ליום ולילה, אם כן אפסלא בלינה, ותירץ הלחם משנה דלינה לצורך מצוה אינו פוסל עיי"ש. והקשה מש"ס שבועות דף ט"ו דמבואר דמשום הכי אי אפשר לנישבקה לבתר הכי וכו', איפסל לה בלינה, ולהנ"ל הא לצורך מצוה אינו פוסל לינה** - פירוש: אין די משנה אין **מסכת שבועות** (יד, א) שטייט: **אין מוסיפין על העיר ועל העזרות אלא במלך ונביא וכו', 'ובשתי תודות'** - פירוש: די משנה רעכנט דארט אויס כמה זאכן וואס מען דארף האבן בשעת ווען איז מקדש דער 'עיר', דהיינו ירושלים, און די 'עזרה', דהיינו ווען מען איז מוסיף נאך א שטיקל שטאט פאר ירושלים, אדער מען איז מוסיף נאך א שטיקל זאל זיין פאר די עזרה. און איינער פון די זאכן איז 'שתי תודות', דהיינו די לחמי תודה. קומט די גמרא דארט (ט, א) און ברענגט אראפ א רמי בר חמא וואס זאגט אז: **אין העזרה מתקדשת אלא בשירי מנחה** - דהיינו, אפילו אין די משנה שטייט אז מען איז מקדש סיי די 'עיר' און סיי די 'עזרה' בשתי תודות, אבער די אמת איז אז דוקא דער 'עיר', דהיינו ירושלים איז מען מקדש מיט שתי תודות, אבער די עזרה איז מען נישט מקדש מיט שתי תודות, נאר מיט 'שירי מנחה', דהיינו די חלק פון א קרבן מנחה וואס איז נאכל לכהנים, דער חלק האט מען געטראגן בשעת מען האט מקדש געוועהן די עזרה. און רמי בר חמא איז מסביר פון ווי ער נעמט דער דין: **כירושלים, מה ירושלים דבר הנאכל בה ויוצא ממנה נפסל, אף עזרה דבר הנאכל בה ויוצא ממנה נפסל** - פירוש: דער מקדש זיין די עזרה דארף זיין פונקט אזוי ווי מען איז מקדש ירושלים, און פונקט אזוי ווען מען איז מקדש ירושלים נעמט מען אזא סארט זאך, וואס מען קען דוקא עסן אין ירושלים, און אויב מען טראגט עס ארויס פון ירושלים ווערט עס פסול - דהיינו די לחמי תודה, וואס דער דין איז נאכלים בכל העיר, און אויב עס גייט ארויס חוץ לחומה ווערט עס פסול. אזוי אויך ווען מען איז מקדש די עזרה דארף מען נעמען אזא סארט זאך וואס מען קען עסן דוקא אין די עזרה, און אויב עס גייט ארויס פון די עזרה ווערט עס פסול, דהיינו די שירי המנחה, מעג מען נאר עסן אין די עזרה, און ווען עס גייט ארויס פון די עזרה ווערט עס פסול.

קומט די גמרא און פרעגט אויף רמי בר חמא: **אי מה להלן חמץ אף כאן חמץ** - פירוש: אויב מען לערנט ארויס דער קידוש העזרה פון קידוש ירושלים, זאל מען זאגן אז פונקט ווי ביי קידוש ירושלים דארף מען האבן די לחמי תודה וואס איז געמאכט פון חמץ, אזוי אויך זאל די קידוש עזרה זיין געמאכט פון א מנחת חמץ?

ענטפערט די גמרא: **ותסברא!? מנחת חמץ מי איכא?** - פירוש אין פסוק שטייט דאך (ויקרא ב, יא) **כָּל הַמִּנְחָה אֲשֶׁר תַּקְרִיבוּ לַיהוָה לֹא תֵעָשֶׂה חָמֵץ כִּי כָל שְׂאֹר וְכָל דְּבַשׁ לֹא תַקְטִירוּ מִמֶּנּוּ אִשֶּׁה לַה'**, דהיינו מען מעג נישט מקריב זיין קיין מנחת חמץ. איז וועגן דעם איז נישט שייך במציאות קיין מנחת חמץ.

קומט אבער די גמרא און פרעגט: **אלמה לא? אפשר דמקדש בשתי הלחם בעצרת** - פירוש: מען טרעפט איין 'מנחה' וואס איז יא געמאכט פון חמץ און דעס איז דער שתי לחם וואס

מען האט געברענגט מיט די שני כבשים וואס מען האט מקריב געוועהן אין בית המקדש שבועות, איז אפשר דארף מען מקדש זיין די עזרה דוקא מיט די שתי לחם, דהיינו ווען מען וויל מקדש זיין די עזרה זאל מען ווארטן ביז שבועות, און מיט די שתי הלחם וואס איז א חמץ מיט דעם זאל מען מקדש זיין די עזרה?

ענטפערט די גמרא: **משום דלא אפשר - היכי נעביד?** - דהיינו, די גמרא גייט מסביר זיין אז במציאות קען מען נישט מקדש זיין די עזרה מיט די שתי לחם, און אויב אזוי איז די איינציגסטע זאך מיט וואס מען קען צו גלייכן דער קידוש העזרה לקידוש ירושלים, וועט נאר זיין מיט שירי המנחה. און די גמרא איז מסביר: **נבנייה מאתמול וניקדשיה מאתמול** - דהיינו מען זאל ענדיגען די עזרה ערב יום טוב שבועות, און מען זאל מקדש זיין ערב יום טוב די עזרה מיט די שתי לחם? דעס קען מען נישט זאגן, ווייל: **שתי הלחם בשחיטת כבשים הוא דקדשי** - דהיינו, די שתי הלחם ווערט נאר קדוש בשעת ווען מען שחט די כבשי העצרת, און ערב יום טוב איז די שתי לחם בכלל נישט קדוש. **נבנייה מאתמול וניקדשיה האידנא** - דהיינו, מען זאל ענדיגען די עזרה ערב יום טוב, און מען זאל מקדש זיין די עזרה אין יום טוב, נאך וואס מען האט גע'שחט'ן די כבשי העצרת און די שתי לחם איז הייליג? דעס קען מען אויך נישט זאגן, ווייל: **בעינן קידוש בשעת הבנין** - דהיינו דער דין איז אז גלייך ווען מען ענדיגט צו בויען די עזרה תיכף מיז מען גייען און מקדש זיין די עזרה (וכתב התוספות הרא"ש, שדבר זה נלמד מן המשכן שנאמר בו (במדבר ז, א) "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן" וַיִּמְשַׁח אֹתוֹ וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ וְאֶת כָּל כֵּלָיו וְאֶת הַמִּזְבֵּחַ וְאֶת כָּל כֵּלָיו וַיִּמְשָׁחֵם "וַיְקַדֵּשׁ אֹתָם"), איז וועגן דעם קען מען נישט ווארטען פון ערב יום טוב אויף יום טוב. **נבנייה ביום טוב ונקדשיה ביום טוב** - דהיינו מען זאל צוענדיגען די עזרה אין יום טוב און דעמאלטס מקדש זיין, דעס קען מען אויך נישט זאגן, ווייל: **אין בנין מקדש דוחה יום טוב** - דהיינו, די הלכה איז דאך אז בנין בית המקדש איז נישט דוחה שבת אדער יום טוב.

קומט די גמרא ווייטער און זאגט: **נשבקה לבתר הכי וניבנייה ונקדשיה** - פירוש: מען קען איבער לאזן די שתי לחם אויף א טאג נאך יום טוב, און דעמאלטס צו ענדיגען די עזרה, און דעמאלטס מקדש זיין די עזרה? זאגט די גמרא אז דעס קען מען אויך נישט זאגן ווייל: **איפסילא ליה בלינה** - דהיינו דער זמן פון אכילת שתי לחם איז נאר יום ולילה, און אויב אזוי אויב מען גייט ווארטען ביז די נעקסטע צופרי, גייט די שתי לחם ווערן נותר, און עס גייט זיין פסול, וועגן דעם קען מען נישט מקדש זיין די עזרה מיט די שתי לחם וואס איז חמץ, און על כרחך דארף מען נעמען די שיירי המנחה. עד כאן סוגית הגמרא וואס איז נוגע פאר אינז.

קומט רבי שמואל מאיר הכהן און פרעגט, לפי דער לחם משנה, וואס האט מחדש געוועהן אז 'דלא אסרה תורה לינה אלא לינה שלא לצורך מצוה, אבל לצורך מצוה אחרת לאו לינה היא', איז דא ביי די שתי לחם, וויל מען איבערלאזן די שתי לחם לצורך מצוה, דהיינו כדי צו מקדש זיין די עזרה, און לכאורה וואלט נישט געדארפט זיין די פראבלעם פון נותר, און אפילו אזוי זאגט די גמרא אז 'איפסילא ליה בלינה'?

## תירוצו של הדובב מישרים

קומט די **טשעבינער רב** און ענטפערט א הפלא'דיגע תירוץ אויף דער קשיא, וזה לשונו: **הנה בפשיטות לא קשיא, דכונת הלחם משנה הוא, רק דאם מלין אותו לצורך קרבן כזה שאינו נפסל בלינה, כמו תודה לשם שלמי שמחה, דשלמי שמחה אינן נפסלין בלינה אחת, על כן נקבע הקרבן הזה לקרבן זה שמלין אותו כיון דהיא לצורך מצוה ואינו פוסל בה לינה, מה שאין כן הכא שאינו לצורך קרבן רק למצות קידוש עזרה שפיר פוסל בה לינה.**

פירוש: דער טשעבינער רב מאכט א הפלא'דיגע חילוק פון די קרבן תודה און די שתי לחם, און ער איז מסביר, אז די גאנצע חידוש פון די לחם משנה איז נאר געזאגט געווארען ביי אזא פאל וואס מען זאגט אז די זמן פון יום ולילה וואס איז שייך ביי א קרבן תודה באקומט די זמן פון די שלמי שמחה, וואס דעס איז שני ימים ולילה אחד, און וועגן דעם ווערט עס נישט נותר - דהיינו סיי דער זאך אז עס איז 'לצורך מצוה' און סיי די זאך אז עס באקומט די זמן פון א צווייטע קרבן, דעס מאכט אז מען זאל נישט עובר זיין זיין אויף די איסור פון נותר. מה שאין כן ביי די שתי לחם, וואס אין הכי נמי עס איז דא די חלק פון די 'לצורך מצוה', אבער פון די אנדערע זייט איז נישט דא די נייע זמן וואס דער שתי לחם זאל באקומען, ווייל דער נייער מצוה איז דאך נישט לצורך קרבן, נאר פארן מקדש זיין די עזרה, אויף אזא אופן - זאגט די טשעבינער רב - איז נישט חל דער חידוש פון די לחם משנה, און די שני לחם גייט ווערן נותר. און וועגן דעם זאגט די גמרא אז 'איפסילא ליה בלינה' - און די דובב מישרים איז מסיים אויף דער תירוץ: **וזה ברור!** (ועי' שם בדובב מישרים עוד תירוץ נפלא על קושית רבי שמואל מאיר).

[יש עוד הרבה תירוצים יפים ובהירים מרבותינו גדולי האחרונים זצ"ל על קושית המהר"י קורוקס ובעזרת השם בהגליון לרגל חג המצות הבעל"ט אסדר משנתם].